פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה 4 זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראשען הײנט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 60 | Łódź, Piątek, 10 marca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י״ב אדר תרצ״ג | № 60 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

## הילפס-קייט לטובת „לינת החולים"

לאדזער יודען! נערענקט איז די טויזענדער פעראריטמע און הילפס-בעדערפטיגע יודען פון אונזער שטאט, וואס נויטיגען זיך אין דער מעדיצ. הילף און שטיצע פון „לינת החולים"! נעמט אנטייל אליין אין דער הילפס-קייט און רופט ארויס אייער פריינד און בעקאנטע

יעדער יוד דארף זיך פרייוויליג בעשטייערן פארן „לינת החולים"! פרטים זעה 14. זייט אין „נייעם פאלקסבלאט"

BROWAR i FABRYKA KWASU WĘGLOWEGO

## SUKCESORÓW K. ANSTADTA Spółka Akcyjna

tel. 122-31

Łódź, Pomorska 34/36.

עמפפעהלט אויף פורים איהרע פיינע קוואליטעטס-בירען: Jasne-wyborowe

און בייעריש, דונקעלע זיס ביער

בעמערקונג: מיר בעטען די ג׳ קונדשאפט. אז זיי זאלען ביים איינקויף אכטונג געבען אויף אונזער פירמע. אלע אונזערע פעסלעך ביר זענען מיט אונזערע איינגעברענטע פירמע בעצייכענט.

## נכנס יין יצא סוד!

דער סוד איז שוין לאנג ענטדעקט, אז די בעסטע און געשמאקסטע ווייגען, וועלכע זענען אנערקענט געווארען פון די גרעסטע מבינים אין גאנץ פוילען, זענען פון דער איז לאדז גוט-בעקאנטער פירמע

„HALWIN" אינה. הערש ליבערמאן, לאדז, פולנאצנא 10 טעלעפאן 219-40

ספעציעל צייכענט זיך אויס די אונגארישע סארט Nr. 2000 אויף וואס מיר מאכען אויפמערקזאם די ג׳ קונדשאפט.

אלע יודען קויפען ווייז אויף פורים, נאר ביי דער פירמע ה. ליבערמאן, פולנאצנא 10,

און אין אלע ווייז בעשעפטען און רעסטאראנען. מ׳בעט אויפמערקזאם צו זיין אויף דער פאבריק-מארקע „Halwin" אויך צו בעקומען ליקערען, קאניאקען, שפירט חמצ׳דיגען און פסח׳דיגען.

געז. „טאז" איז לאדז.

מארגען, שבת, דעם 11-טען מערץ 1933, 10 א זייגער אווענד קומט פאר אין מעבער-געזאנג-פעראיין, פיעטריקאווער 243

## א גראנדיעזער דאקטוירים-באל

לטובת די זומער-קאלאניעס אין „טאז" פערבונדען מיט פערשידענע אטראקציעס! גלענצענדער דזשעז-ארקעסטער!

רייכער און ביליגער בופעט! בילעטען צו בעקומען אין „טאז", נאוואמיעסקא 3 און ביי דער קאסע פון איינגאנג.

## א גרוס פון ארץ-ישראל!

א פריילעכען פורים וועט איהר פערשאפען מיט א משלוח-מנות פון

## תוצרת ארץ-ישראל

ספעציעלע שעהן דעקארירטע קוישען מיט ארץ-ישראל-פראדוקטען.

זונטאג פורים אפען א גאנצען טאג פון 9 פריה ביז 9 אווענד.

לייגט נישט אפ אויף דער לעצטער מינוט — קומט אין „תוצרת ארץ-ישראל" שרודמיעסקא 1, טעל. 193-42.

### 50 יאהר ראשון לציון

אלע יודען! שיקט משלוח-מנות לפורים נאר ארץ-ישראל׳דיגען כרמל-ווייז, ווייל דאס יאהר איז דער „כרמל"-ווייז דער ביליגסטער

ליגט אכט אויף די פרייזען:

| | | פריהער | |
|---|---|---|---|
| עין-גדי | „ | 10.35 | 7.— זל. |
| אליקאנט | „ | 9.— זל. איצט | 6.— „ |
| ברזל | „ | 11.25 | 9.25 „ |
| מעדאק | „ | 7.20 | 5.60 „ |
| מושקאט | „ | 9.50 | 6.50 „ |

קויפט און פערשפרייט „תוצרת הארץ". הויפט-פעקויף: פעטריקאווער 23 קארא טעלעפאנען 193-42 און 152 49

## דו מוזט זיך צואיילען

אויב דו ווילסט, אז דיין אמעריקאנער קרוב זאל דיר צושיקען

## א פעקל בגדים אויף פסח!

1) די דארפסט נישט ארויסבעקומען פון דער מאכט קיין ארימקייטס-צייגניש („שוויאדעצטווא איבוסטווא"),

2) וועסט נישט דארפען אפצאהלען קיין צאל פון אויסלענדישע פעקלעך, וואס ווערען געשיקט מיט דער פאסט,

3) וועסט בכלל נישט האבען קיין שום קלאפאט און דאס פעקל בעקומען צוגעשיקט אהיים,

4) דיין קרוב וועט נישט דארפען געהן מיטן פעקל אין פוילישען קאנסולאט.

אויב דו וועסט שרייבען דיין קרוב אין ניו-יארק אדער ברוקלין, אז ער זאל דיר דאס פעקל קליידונג, וועש, שוכווארג שיקען דורך דער

**Polish Atlantic Shipping Co. of America**

79 Norfolk Street (near Delancy Street) NEW-YORK, N.Y., America

שנייד אוים דעם אדרעס און שיק איהם איבער דיין אמעריקאנער קרוב, שרייב איהם שוין היינט. וועסט נאך רעכטצייטיג בעקומען פון אמעריקע

א פעקעל בגדים אויף פסח!

לאכט נאר נישט!

## המן-טאש

לאכען וועט איהר, ווען איהר וועט קויפען די

טעגליכער ארגאן פון אב—נעק

ערשיינט מפורים לפורים

די המן-טאש קלאפט המנ׳ען און לייענט די מגילה, אז די אויגן גהען איבער.

די המן-טאש האט א „ראנדע-וואו" מיט ושתי׳ן.

די המן-טאש שמועסט זיך אויס מיט אינזערע וויזתא׳ס אין סיים, שטאט-ראטען, גמינע, חברות א. אז. וו.

די המן-טאש איז אנגעפיהלט און אנגעפראפט מיט כל-טוב פון שענסטען און בעסטען.

די המן-טאש האט א ים קאריקאטורען און א שפע פון פורים-הומאר.

די המן-טאש קאסט איינגאנצען 15 גראשען.

איז צו בעקומען ביי אלע ציימונגס-פערקויפער.

# פּיניעלע מזיק
## גיט לשון



געדענקט איך מײנע ליבע יאָסלען, װאָס איך האָב אײַך יענעם פרײטאָג געזאָגט? צי געדענקט נישט? װעל איך אײַך דערמאָהנען: איך האָב אײַך געזאָגט, אַז אויב די גמינע אונדזערע װעט גײן מאַכן אַ קוך, װעט אַרויסשפּרינגען אַ מקוה?

נו, װער האָט דעם ריכטיגען ליכטבליק אויף די פּלײצעס? װער האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער? אַחוץ פּיניעלע! שטאָט אַ קוך איז בײַ זיי אַרויסגעשפּרינגען אַ מקוה, נו, װעלען זײ איצט דעם עולם קענען פירען אין באָד אַרײַן!

אַז פּיניעלע זאָגט, דאַרף מען די װערטער דרוקען אין די בלעטער, און אַז איך זאָג ענק, אַז אַ קוך איז אַ שמאַלץ-גרוב מעגט ענק מיר גלײבען.

אַלזאָ, װאָס עלען מיר זיך מאַזשען, מיר װעלען מאַכען אַ קוך.

ציטירט אַז מ'דאַרף פּיש, פּיש, פּיש צו עפענען אַ קוך — לאַכן ענק אויס! דאָס װיכטיגסטע איז װאַסער. טאָמער האָט מען װאַסער, האָט מען שוין אַ פאַרטיגען קרופּניק. מ'לאָזט אַרײַן אויף דעם װאַסער אַ פּעטרושקע מיט אַ פערטעל טײל קאַרטאָפלעס און דער קרופּניק איז שוין פאַרבראַקט װעך.

אַז דער פאַרבראָקטער קרופּניק איז פערטיג, זוכט מען אויס אַפּאָר זקנים אָהן צײן (צו אַזאַ קרופּניק דאַרף מען נישט קײן צײן...) און פאַרטיג!

פון װאַנען נעהמט מען געלד? יאָלדען זענט עך! ס'עט זײן געלד װי באָב.

װי אַזוי?

טאָ הערט צו מיט שכל:

פאַר דער שיסעל װאַסער מיט דער פּעטרישקע נעהמט מען 10 גראָשען, פון קאָמיטעט בעקומט מען 15 גראָשען, האָבען מיר שוין 25 גראָשען, און אַזוי װי די שיסעל װאַסער מיט דער פּעטרישקע קאָסט ראַפּטעם אַ 5-ער, האָבען מיר צוואַנציג גראָשען אויף פּעווע, און, אַז גאָט העלפט אַז מ'האָט אַ טויזענד פרײַערס, האָט מען 200 זלאָטעלעך אַ טאָג. ד.ה. 1400 זל. אַ װאָך, און 5600 זל. אַ חודש און אין אײן יאָהר קומט מען צו אַ מאַיאָנטעק פון 67.200 זל.

נו, װאָס זאָגט עך צו אַזאַ מאַסמאַטעטן? עסען מיר נישט לאַכען פון פּאָזנאַנסקין מיט אשר [illegible]?

יאָ, איך האָב פערגעסען: ס'צאָרט באָמען גיט מען די קוך?

איך האָב אַ פּראָפּאָגאַנציע, אַז אונזער קוך זאָל הײסען: „גוטן קאָרטאָפּליאַנקע"!..

— פיניעלע —

# דער פּאַציענט, וואָס איז אויף אַלץ מסכים
## דערצעהלט פון אַ לאָדזער דאָקטאָר

צום דאָקטאָר קומט אַרײַן אַ פּאַציענט, נאָכ'ן אונטערזוכען זאָגט דער דאָקטאָר:

קײן שום געפעהרליכעס זעה איך נישט בײַ אײַך. איהר זענט נאָר ערשעפּט און נערוועז. און איהר מוזט פירען אַ נאָרמאַל לעבען.

— װאָס זאָל איך טון?

— װעניג עסען. קײן אײן טראָפּ בראָנפען! איהר װעט זעהען װי גוט ס'שמעקט אַ טרוקען שטיקעל ראַזאָווע ברויט מיט װאַסער.

— זעהר גוט! ס'פרעהט מיך זעהר!

— איהר רויכערט אַ סך?

— פערציג פּאַפּיראָסען אַ טאָג.

— פון מאָרגען אָן װעט איהר רויכערען נאָר פינף פּאַפּיראָסען!

— כ'פערזיכער אײַך, אינגאַנצען נישט צו רויכערען.

— איצט, פּולקאָמע רוה! נישט שפּילען אין קאָרטען, נישט בעזוכען קײן ספּאָרט, ברידזש, עקזײַטירט פאַר אײַך נישט.

דער פּאַציענט האָט מסכים געווען.

— איצט מוזט איהר זיך בעגרעניצען מיט פרויען.

— כ'פערזיכער אײַך, אַז זעקס חדשים װעל איך נישט קוקען אויף קײן פרוי.

— איהר זענט אַ זעלטען גוטער פּאַציענט, כ'װאָלט מיר געוווּנשען צו האָבען אַ סך אַזעלכע פאָלגזאַמע פּאַציענטען, נאָר אײן זאַך דאַרפט איהר טון.

— װאָס?

— איהר מוזט אַ סך זײַן אויף פרײַע לופט. כאָטש צוויי מאָל אין דער װאָך אַרויספאָהרען אויסער דער שטאָט.

— זעהט איהר, הער דאָקטאָר, דאָס איז שוין נישט מעגליך!

— פאַרװאָס?

— כ'גײ מאָרגען זיצען אין דער טורמע אויף זעקס חדשים.

# אײן אַפּערטע
## טראַגעדיע מיט די פּשעדוואָיענע פּאַניענקעס

די פּשעדוואָיענא פּאַני פּעלאַ זאַכטשאַלסקאַ האָט געגעבען אַן אַנאָנס אין דער צײַטונג מיט אַזאַ נוסח:

„כ'זוך אַ סימפּאַטישנע טאָוואַזשיש אויף די נאָכמיטאָג שעה'ן. די עלטער שפּילט נישט קײן ראָלע. אײן בעדינג: ער מוז זײַן מיט טעמפּעראַמענט און אַ ספּרינטבער".

די מוטער האָט צום ערשטען גע'מוסר'ט די טאָכטער, אַז ס'איז נישט אַנשטענדיג אויף אַ אַזאַ אופן צו שליסען בעקאַנטשאַפט מיט מענער, דאַן האָט זי דער טאָכטער צוזאָמען גענומען צי זי האָט בעקומען אָפּערטען.

— יאָ, אײן אָפּערטע.

— פון װעמען?

— פון טאַטעשי.

# העפליכקײט איז דער קהלה
## אונטערגעהערט געשפּרעך אין דער בית-החיים-אַפּטײלונג

די בעאַמטע פון דער קהלה בעציהען זיך צו די אינטערעסאַנטען מיט אַ זעלטענער העפליכקײט.

אַ בעזונדערע העפליכקײט װײַזען אַרויס די בעאַמטע פון דער בית-החיים-אַפּטײלונג, מיר האָבען זיך דאָרט צוגעהערט צו אַזאַ געשפּרעך:

פרוי: מײַן מאַן איז מיר געשטאָרבען, כ'װאָלט געוואָלט עפּעס אַ בכבודע קרקע.

בעאַמטער: אַך ביטע זעהר, מיט [illegible] פערגעניגען.

פרוי: װאָלט איך געקענט רעזערווירען אַ פּלאַץ נעבען מײַן מאַן?

בעאַמטער: פאַרװאָס נישט? קויפט איהר אַ פּלאַץ און פערנוצט איהם געזונטערהייט.

# די אײדלקײט פון מאַקס נאַגעוויצע
## איבערגעכאַפּטער בריף פון אַלאָדזער פאַבריקאַנט

דער לאָדזער פאַבריקאַנט מאַקס נאַגעוויצע איז אַ זעהר אײדעלער מענש און װען ער איז אַפילו אויפגערעגט רעדט ער אין אַ זעהר אײנגעהאַלטענעם טאָן.

די טעג האָט ער געשריבען אַ בריף צו אַ קונה װאָס לאָזט כסדר די װעקסלען צו פּראָטעסט. געענדיגט דעם בריף האָט ער אַזוי:

װער האָט בײַ מיר גענומען פעקלעך און נישט בעצאָהלט? — איהר, מײַן ליבער הער.

װער האָט מיר פערזיכערט אַז אין משך פון 3 חדשים װעלען אויסקויפט װערען די פּראָטעסטען? — איהר מײַן ליבער הער.

און װער האָט מיר אין משך פון די 3 חדשים [illegible] קײן צוברעכענעם גראָשען נישט געגעבען — איהר מײַן ליבער הער.

טאָ װער זשע איז אַ לאַבוס, אַ גנב, אַ מאַשעניק? — איך איהר איבערגעגעבענער פרײַנד, מאַקס נאַגעוויצע אין לאָדז.

## פּוילען איז אַ גן-עדן

[illegible] װײסט אין פּוילען איז פּשוט אַ גן-עדן.

— דהײנו?

— אַלע מענטשען שלאָפען אַרום נאַקעט און [illegible]

---


# דער קונדס
הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אַב—נעק ●

בײַלאַגע צום נײַעם פאָלקסבלאַט נומער 60

פרײַטאָג, דעם 10 מערץ 1933


# ער פּראָטעסטירט געגען דער שחיטה




דער פערשוין איז נישט קײן מיטגליד פון דער קהלה-פערוואַלטונג און נישט קײן מיטגליד פון ראַט — ער איז נאָר געקומען אויסדריקען אַ שאַרפען פּראָטעסט געגען דער בהמות-שחיטה פון דער קהלה.



האָלענדישען קרייסער „7 פּראָווינצען“ איז געבראַכט געוואָרען אין פּאָרט אויף סומאַטראַ.



איבערדייט רעכטס: דער נייער דייטשער באָקס־מייסטער האַנס שילער.

אונטן רעכטס: דער קריג אין ווייטען מזרח: כינעזישע סאָלדאַטען אין דזשעכאָל פיהרען אַ יאַפּאַנישען שפּיאָן צו דער טויט־עקזעקוציע.







ווידער אַ ערד־ציטערניש אין יאַפּאַן! דער צענטער פון טאָקיאָ וועלכער איז געהאַט אויפגעבויט געוואָרען נאָך דער קאַטאַסטראָפע אין יאָהר 1923.
אונטען: אַ בילד פון דער מוראָדיגער ערד־ציטערניש אין יאָהר 1923.

אונטען:
אַ שיף געהט אונטער! אַ בליק אויף דער דייטשער שיף „רעטאַן“ וועלכע איז אונטערגעגאַנגען צוליב אַ צוזאַמענשטויס מיט אַן ענגלישער שיף.









אויבען לינקס: פריהערי קאָווע איצט געלד אין בראַזיליען פערבערענט מען מאַסען באַנקנאָטען, די רעגירונג וויל אַזוי אַרום פערפעסטיגען די וואַליוטע פון לאַנד.

איבערדייט לינקס: קאַרנעליוס און גלאָריאַ וואַנדערבילט, אַמאָליגע אַמעריקאַנער מיליאָנערען זענען איצט אינגאַנצען פעראַרמט געוואָרען.

אונטען לינקס: אַ בילד פון אַקאַדעמיע־פּלאַץ אין דער הויפּשטאָט פון גריכענלאַנד אַטען, נאָכ׳ן דיקטאַטור־פּוטש.











אויבען: רוזוועלט האט איבערגענומען די מאכט: 1) דאס ווייסע הויז אין וואשינגטאן, וואו עס וואוינט דער פרעזידענט.; 2) געוו. פרעזידענט הובער. 3) פרעזידענט רוזוועלט, 4) דער ארבייטס־קאבינעט פון פרעזידענט.



איבערדייט רעכטס: פערשטארקטע וואך אין גאנץ דייטשלאנד. א פאליציי־פאסטען אויף א באהן־ליניע.
אונטען רעכטס: 1) סענאטאר וועלש, דער נייער יוסטיץ־מיניסטער פון אמעריקע.





2) יאקאב וואסערמאן איינער פון די פאפולערסטע דייטשע שריפטשטעלער (א יוד) פייערט זיין 60־טען געבורטסטאג.







מיט די עסטרייכישע זעלנער ווערט געלערנט דער יאפאנישער קאמפס־ארט דזשיאו־דזשיטסו.



עב. ערונג אויפ'ן אמט פון אמעריקאנער באטשאפטער – דער נייער באטשאפטער סוואפ.

אויבען לינקס: דאס עקזערציר־הויז וואו עס זאלען פארקומען די זיצונגען פון רייכסטאג (אויבען — זיצ־זאל פון עקזערציר־הויז), די ערעפנונג פון רייכס־טאג זאל פארקומען אין דער פאטסדאמער גארניזאן קירכע.

אונטען לינקס: גרויס נאציאנאל־סאציאליסטישע פייערונג אין קיעל.



צוליב'ן גרויסען פינאנץ־קראך געבען פערשידענע שטעט אין אמעריקע ארויס ספעציעל נויט־געלד.
אונטען רעכטס: נייער טיפ פון אמעריקאנישען אונטערוואסער־שיפעל.







